STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01532

DER INTERNATSYONALER SOTSYALIZM UN ERTS-ISROEL

Marc Jarblum

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Sheldon & Jerry Hersh
in memory of
Sam & Frances Hersh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פועלי־ציון־ביבליאָטעק נר. 2

מ. יאַרבלום

דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם און ארץ־ישראל

פאַרלאַג „באַפרייונג"

וואַרשע 1929

Druk. „REKORD" Dzika 18.

איינלייטונג.

א

די שטרעבונג פון פועלי-ציון צו פאַרבינדן מאָראַליש, אָרגאַניזאַציאָריש און אויך פראַקטיש איר טעטיקייט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון ארבעטער קלאַס איז פונקט אזוי פיל אַלט ווי דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער געדאַנק גופא.

און אַנדערש קען עס דאָך נישט זיין.

דער הויפט-ציל פון פועלי-ציוניזם — די שאַפונג פון אַ יידישן ישוב אין א״י געבויט אויף סאָציאַליסטישע יסודות — שיידט זיך אין פרינציפ מיט גאָרנישט אָפּ פון די צילן און אויפגאַבן פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פארטייען. די ספּעציפישע ווירטשאפטלעכע, פּאָליטישע און קולטורעלע תנאים פון יידישן פאלק, אין וועלכע עס קעמפט דער יידישער אַרבעטער-קלאַס פאר זיין אלזייטיקער באַפרייונג, האָבן אַרויסגערופן בלויז זעלבשטענדיקע, אייגנאַרטיקע פאָרמען פון יידישן סאָציאַליזם. זיי האַרמאָנירן אָבער לחלוטין מיט די צילן, באַשטרעבונגען און פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

בלויז די אויבערפלעכלעכע באַציונג פון די קעגנער צום פּועלי-ציוניזם האָט געקענט ארויסשטעלן דעם אַרגומענט, אז ס׳איז פאראן א סתירה צווישן דעם אידעאַל פון א יידישן אַרבעטנדן ישוב אין א״י און דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. די דאָזיקע אַרגומענטירונג איז אַבער קיינמאַל ערנסט נישט באַגרינדעט געוואָרן.

די טעאָריע און פּראַקטיק פון ציוניסטישן סאָציאַליזם האָט זי אויפן גלענצענדסטן אופן אפּגעלייקנט.

זייט זיין געבורטס-טאג — אין פאַרשידענע לענדער, אין פאַרשידענע מאָמענטן — אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט און דער עיקר אין די ערשטע יאָרן פון הייַנטיקן יאָרהונדערט — האָט דער פּועלי-ציוניזם אין זיינע טעאָרעטישן באַגרינדונגען און אין זיינע פּאָליטישע מאַניפעסטירונגען נישט אויפגעהערט אָנצווייזן אויפן ענגען אינטימען צוזאַמענהאַנג וואָס ס'איז פאַראַן צווישן זיינע באַשטרעבונגען און די פּרינציפּן און אויפגאַבן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. און דאָס בייביידע שאַטירונגען פון פּועלי-ציוניזם — סיי פון דער מאַרקסיסטישער, סיי פון דער נישט-מאַרקסיסטישער ריכטונג.

באַטראַכטן די יידישע אַרבעטערשאַפט אַלס אַן אינטעגראַלן, נאָר זעלבשטענדיקן טייל פון דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער משפּחה און די אויפגאַבן פון פּועלי-ציוניזם, אַלס אַ זעלכע וואָס שטייען אין אבסאָלוטן הסכם, אין אַן ענגער האַרמאָניע מיט די גרונט-געדאַנקען פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און פון סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער-קלאַס, — דאָס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר א דרינגענדע און היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון אַלע אָן אויסנאַם שאַטירונגען און גרופּירונגען פון דער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

און אויב דער דאָזיקער טיפער ווילן האָט אין משך פון לאַנגע יאָרן נישט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן, איז דאָס נישט די שולד פון די פּועלי-ציון. א געוויסע אחריות פאַלט אויפן אינטערנאַציאָנאַל גופא. לאַנג האָט אין אים געהערשט דער פּרינציפּ פון מלוכהשאַפט און אפילו פון גרויס-מלוכהשאַפט. די קליינע מלוכות און באַזונדערס די נישט-מלוכהשע נאַציעס האָט מען באַטראַכט ווי א „קאַנטימע נעגליזשאַבל", וואָס האָט נישט קיין שום באַדייטונג אין גרויסן קאַמף פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט פאַר דעראָבערן די פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע מאַכט.

די פאָרשטייערשאַפט אין אינטערנאַציאָנאַל איז געווען בלויז א שטאָטלעכע און נישט קיין נאַציאָנאַלע. אמת, אין 1906

האָט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ אָנגענומען א רעזאָלוציע, לויט וועלכער אלס יוצא־מן־הכלל קען אַנערקענט ווערן אַלס א נאַציע אויך א נישט־מלוכה־פאָלק, ביי וועלכן עס איז אָבער פארבליבן די שטרעבונג צו אויטאָנאָמיע און צו מאָראַלישער אייניקייט. נאר דאס איז געווען, ווי געזאָגט, אַן אויסנאַם און האט געהאט א שייכות צו פוילן, צו די פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון די דריי לענדער — רוסלאַנד, עסטרייך און דייטשלאַנד — און אויך צו די טשעכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון בעהמען.

אין אַלגעמיין אָבער האָבן כלפי די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון די קליינע פעלקער געהערשט אין אינטערנאַציאָנאַל די באַציונגען פון מלוכה־געדאַנק און אפילו פון אַבסטראַקטן קאָסמאָפּאָליטיזם, א ירושה פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע פון די הערשנדע נאַציעס.

בלויז ביסלעכווייז האָבן אין אינטערנאַציאָנאַל אריינגעדרונגען אַנדערע אידעען, אידעען פון אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס לייקנט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און וואָס אנערקענט די פּאָזיטיווע פּראָגרעסיווע באַדייטונג און דעם ווערט פאַרן סאָציאַליזם אויך פון די קליינע לעבעדיקע נאַציעס. דאָס איז דער געדאַנק פון גרויסן זשאָרעס, וואָס האָט בעסער, ווי ווער עס איז, אויסגעדריקט דעם סינטעז פון אינטערנאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַליזם.

די מלחמה האָט געגעבן דעם לעצטן טויט־קלאַפּ דעם קאָסמאָפּאָליטישן פּרינציפּ פון מלוכה־סאָציאַליזם.

און די געדאַנקען פון פועלי־ציוניזם האָבן אָנגעהויבן ווערן אַביסל באַגרייפלעכער.

עס איז אָבער נויטיק נצווען אַן עקשנותדיקע, לאַנגיעריקע פּראָפּאַגאַנדע־ארבעט, א גרויסע פּאָליטישע אַרבעט און דער עיקר — די הערואישע קרבנות־פולע, אמת־סאָציאַליסטישע אַקטיוויטעט פונם אַוואַנגאַרד פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט,—פון יידישן ארבעטער אין א״י, וואס שטעלט מיט זיך פאָר איינס פון די שענסטע בלעטלעך פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער וועלט און וואס מוז ארויסרופן דעם ענטוזיאַזם ביי יעדן סאָציאַליסט,—כדי אונזערע פועלי־ציון־געדאַנ־

קען זאָלן פאַקטיש מיט באַגייסטערונג אָנגענומען ווערן פון אינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

אַן אומגעהויער גרויסע אַרבעט איז נויטיק געווען, כדי צו דערגרייכן דעם לעצטן רעזולטאַט: די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַ־ליסטישע קאָנפערענץ אין בריסל, דעם 9.טן אויגוסט 1928, פאַר דאָס ארבעטנדע א״י.

ב.

צום ערשטן מאָל האָט זיך דער פועלי־ציון - וועלט־פאַר־באַנד אָפיציעל געווענדעט מיט א מעמאָראַנדום צום אינטערנאַ־ציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אין בריסל, אין מערץ 1907 פאַרן שטוטגאַרטער קאָנגרעס, אין נאָמען פון די „פאַ ייניקטע פועלי־ציון־פּאַרטייען אין רוסלאַנד, עסטרייך און אמעריקע״. אינם דאָזיקן מעמאָראַנדום ווערט אָנגעוויזן אויפן סאָציאַליסטישן פּראָגראַם פון פועלי - ציון, אויפן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון דער יידן־פראגע, וואָס איז א פועל־יוצא, קודם־כל, פון דער נישט נאָרמאַלער ווירט־שאַפטלעכער לאַגע, פון דער נישט - נאָרמאַלער קלאַסן סטרוקטור פון יידישן פאָלק, און די באַזונדערע באַדינגונגען פון קלאַסן־קאַמף פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער גאַנצער וועלט. דער מעמאָראַנדום ווייזט אָן אויפן ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער יידישער עמיגראַציע און ענדלעך אויף דער נויטיקייט פון דער טעריטאָריאַלער לעזונג פון דער יידן־פראגע דורכן שאַפן אַ יידישן ישוב אין א״י.

און צום סוף פון מעמאָראַנדום — די פאָדערונג פון פוע־לי - ציון:

„לויט דער לעצטער רעזאָלוציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַ־לן סאָציאַליסטישן ביוראָ ווערט די פאָרשטייערשאַפט אין דאָזיקן ביוראָ פון איצט אָן רעגולירט נישט לויט די מלוכות, נאָר לויט די נאַציעס. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פועלי־ציון, וועלכע ציילט העכער 19.000 אָרגאַניזירטע יידישע אַרבע־טער אין רוסלאַנד, עסטרייך, אמעריקע, ענגלאַנד און פאַלעסטינע פאַר־לאַנגט פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ עס זאָל איהר, אלס אַ סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון די פּראָלעטאַריער פון

דער יידישער נאַציאָנאַליטעט געגעבן ווערן א פאַרטרעטונג אינם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ".

די רעזאָלוציע, אויף וועלכער עס פאַרופט זיך דער מעמאַראַנדום, איז אָנגענומען געוואָרן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ אין מערץ 1906. לויט דער דאָזיקער רעזאָלוציע האָט דאָס ביוראָ דאָס רעכט צו אָנערקענען פאַר א נאַציע אויך א נישט-מלוכהשע גרופע, וועלכע שטרעבט אָבער צו אויטאָנאָמיע און אויפצוהאַלטן איר מאָראַלישע אייניקייט.

אייגנצייטיק האבן זיך געווענדעט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ, מיט דער זעלבער בקשה, די סיימיסטן(סערפּ) און די ציוניסטן-סאָציאַליסטן.

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ האָט די אַלע דריי פאַרטייען אָפּגעשיקט צו דער רוסישער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל. די סיימיסטן און די צ"ס האָבן זיך טאַקע געווענדעט צו די רוסישע סעקציעס. אויף דער ביוראָ-זיצונג פון אינטערנאַציאָנאַל בשעת דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס, אויגוסט 1907, זענען די סיימיסטן („סערפּ") אַריינגענומען געוואָרן אין אינטערנאַציאָנאַל אַלס אַן אונטער-סעקציע פון דער סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי און די צ"ס זענען צוגעלאָזן געוואָרן מיט א באראטוגגס-שטימע.

פּוע"צ אלס אַן אַלוועלטלעכע פאַרטיי האָט זיך נישט געוואָלט ווענדן צו קיין שום טעריטאָריאַלער סעקציע און האָבן אין אָקטאָבער 1908 ווידער צוגעשיקט דעם ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל, אַן אויספירלעכן פאָרשלאַג צו בילדן א באַזונדערע יידישע סעקציע פאַר דעם יידישן פראָלעטאַריאַט.

אין דער זעלבער צייט האָט דער פּוע"צ-פאַרבאַנד געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די סיימיסטן און צ"ס וועגן א געמיינזאַמער ווענדונג צום אינטערנאַציאָנאַל צו שאַפן א יידישע סעקציע, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן די דריי פאַרטייען. באַקומענדיק די פּרינציפּיעלע הסכמה פון די ביידע פאַרטייען האָט דער פּוע"צ-פאַרבאַנד צוגעשיקט אין 1909 אַ בריוו דעם ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל מיט דער בקשה נישט צו באַטראַכטן דערווייל דעם פאָרשלאַג פון אָקטאָבער 1908 ביז די דריי פאַרטייען וועלן אויסאַרבעטן אַ גע-

מיינזאַמען פּראָיעקט, דערביי ווערט אָבער אָנגעוויזן, אַז פּוע״צ בלייבט פּרינציפּיעל ביי זייער פאָרשלאַג, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ באַזונדערע זעלבשטענדיקע יידישע סעקציע אין אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל פאַרטרעטן די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

אין מאַי 1911 איז טאַקע צוגעשיקט געוואָרן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ, אַן אויספירלעכער מעמאָראַנדום געחתמעט פון די דריי פאַרטייען: ציונ.-סאָצ. אַרבעטער-פאַרטיי (צ״ס), יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פאַרטיי (סערפּ), אַלוועלטלעכער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פאַרבאַנד פועלי-ציון.

אין דאָזיקן מעמאָראַנדום ווערט גענוי אַנאַליזירט די לאַגע פון יידישן פאָלק און פון יידישן אַרבעטער-קלאַס אין אַלע לענדער און עס ווערט מאָטיווירט דער פאָרשלאַג צו שאַפן אַ יידישע סעקציע, וואָס איז אין הסכם מיט די פּרינציפּן און תקנות פון אינטערנאַציאָנאַל.

שטאָקהאָלם.

די מלחמה האָט צייטווייליק אָפּגעשטעלט יעדע טעטיקייט פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ, נאָר דער סאָציאַליסטישער געוויסן האָט נישט גערוט, און פון פאַרשידענע זייטן האָט מען אָנגעהויבן פאַרלאַנגען צונויפצורופן דאָס ביוראָ. סיי איינצלנע פּאַרטייען האָבן דאָס פאַרלאַנגט, סיי קאָנפערענצן.

ענדלעך, דעם 31־טן יולי 1916, אויף דער צווייטער קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די נייטראַלע לענדער אין האַג, האָבן די האָלענדישע, שוועדישע און אַמעריקאַנער דעלעגאַטן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער נויטיקייט וויאַזוי שנעלסטן צו אָרגאַניזירן אַ זיצונג פון ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל. די מערץ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט געגעבן אַ שטויס פאָרויס צו דער פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן פאָרשלאַג און דעם 3־טן מאַי 1917 איז געשאַפן געוואָרן דער האָלענדיש־סקאַנדינאַווישער קאָמיטעט (האָלאַנד, שוועדן, דענעמאַרק און נאָרוועגיען, מיט קאַמיל היסמאַנס פון בעלגיע אַלס סעקרעטאַר).

די ערשטע אויפגאַבע פון קאָמיטעט איז געווען צו פאַרהאַלטן באַראַטונגען מיט איינצלנע פּאַרטייען, וועגן די שלום־באַדינגונגען און ווידעראויפבוי פון אינטערנאַציאָנאַל און דערנאָך באַטראַכטן די מעגלעכקייט פון אַן אַלגעמיינער קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם. 22 פּאַרטייען האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פון קאָמיטעט און האָבן צוגעשטעלט מעמאָראַנדומס, אין וועלכע זיי האָבן אויפגעקלערט זייער שטעלונג צו אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די שלום־באַדינגונגען און צום אינטערנאַציאָנאַל.

די פּועלי־ציון־פֿאַרשטייער האָבן זיך זער אַקטיוו באַטייליקט אין די אַרבעטן פֿון שטאָקהאָלמער קאָמיטעט, הויפּטזאַכלעך — קאַפּלאַנסקי, כאַזאַנאָוויטש, לאָקער. זיי האָבן בכלל געפֿירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פֿאַר די פֿאָדערונגען פֿון פּועלי־ציון סיי אין די גלות־לענדער, סיי בנוגע ארץ־ישראל. אין 1916 האָט דאָס פֿאַרבאַנדס־ביוראָ אַרויסגעלאָזט דעם באַרימטן רויטן בוך „די יידן און די מלחמה", אין וועלכן עס ווערן אָנגעגעבן די יידישע פֿאָדערונגען: גלייכבאַרעכטיקונג, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג אין א"י און דאָס שאַפֿן פֿון אַ יידישער סעקציע אין אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער דאַרף אַ סוף מאַכן צו זיין ביזאַיצטיקער שטעלונג צו דער יידן־פֿראַגע, אַ שטעלונג וואָס ווערט דיקטירט פֿון די אַסימילירטע יידישע סאָציאַליסטן.

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע זענען קיין שטאָקהאָלם אָנגעקומען דער פֿאַרשטאַרבענער בער באָראָכאָוו און זרבבל, און צוזאַמען מיט די ערשטע דריי האָבן זיי צוזאַמענגעשטעלט די פּועלי־ציון־דעלעגאַציע און פֿאָרגעשטעלט דעם מעמאָראַנדום וואָס האָט אַנטהאַלטן די שטעלונג צו די אַלגעמיינע פּראָבלעמען און צו דער יידן־פֿראַגע.

די פֿאָלגנדע קאָנקרעטע פֿאָדערונגען זענען אָנגעוויזן אין מעמאָראַנדום:

1) פֿולשטענדיקע ציווילע גלייכבאַרעכטיקונג פֿון די יידן אין אַלע לענדער; די יידישע באַפֿעלקערונג דאַרף באַהאַנדלט ווערן גלייך ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער ביי דעם ווידעראויפֿבוי פֿון די געביטן וואָס זענען רויִנירט געוואָרן בעת דער מלחמה.

2) פֿרייהייט פֿון אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין אַלע לענדער.

3) נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע און נאַציאָנאַלע יוּרידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין יענע מלוכות, פּראָווינצן און געמיינדעס, וווּ יידן וווינען אין די מאַסן.

4) שאַפֿן געניגנדע גאַראַנטיעס פֿאַר אַן אומגעשטערטער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט פֿון די יידן, וואָס האָט דעם צוועק צו שאַפֿן אַ יידישע היים אין א"י.

דערצו איז נויטיק:

א) באַזייטיקן אַלע שטערונגען פאַר דער פרייער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פון די יידן; ברייט פאַרלייכטערן די נאַטוראַליזירונג און די פרייע טעטיקייט פון יענע אינסטיטוציעס, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

ב) שאַפן מאָדערנע דעמאָקראַטישע רעכטלעכע באַדינגונגען און אָנווענדן מיטלען פון סאָציאַלער אונטערשטיצונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות אין לאַנד; פאַרלייכטערן, דורך געהעריקע עקאָנאָמישע גאַראַנטיעס, די קאָלאָניזאַציע און קודם־כּל פאַרווענדן דעם ווירטלאָזן באָדן. די מלוכה־ערד און די לאַסיפונדיעס סיי פאַר דער קאָלאָניזירונג פון די איינוואַנדערער, הן פאַר דעם אָרטיקן באַדנלאָזן פויערטום.

ג) פאַרוואַנדלען א״י אין אַן אויטאָנאָמער געגנט און פאַראייגהייטלעכן די אַדמיניסטראַציע פון לאַנד.

ד) צושטימען נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין א״י.

די דורכפירונג פון די אַלע פאָדערונגען דאַרף גאַראַנטירט ווערן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אופן״.

וועגן דער יידן־פראַגע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אויך אַנדערע פאַרטייען. אַזוי צ. ב. פאַרלאַנגט די לייבור פאַרטיי אין איר מעמאָראַנדום, אַז:

„די יידן זאָלן אין אַלע לענדער האָבן די זעלבע עלעמענטאַרע רעכט פון טאָלעראַנץ, פון וווין־אָרט און האַנדל, ווי אויך גלייכע בירגערלעכע רעכט, וואָס דאַרפן אַנערקענט ווערן אָן אונטערשיד פאַר אַלע מיטגלידער פון יעדער נאַציע. אויסער דעם דריקט אויס די קאָנפערענץ די האָפנונג, אַז עס וועט געלינגען צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן אַלע נאַציעס פאַר דער באַפרייונג פון פאַלעסטינע פון דער שווערער טערקישער אונטערדריקונגס־הערשאַפט, כּדי צו שאַפן פון דעם לאַנד, אונטער דער אינטערנאַציאָנאַלער גאַראַנטיע, אַ פרייע מלוכה, וווּ עס וועלן זיך קענען באַזעצן די יידן וואָס ווילן עס און וואָס האָבן בדעה צו שאַפן אַליין זייער שיקזאַל, אָן וועלכער עס איז אינטערווענץ מצד אַ פרעמדער ראַסע אָדער אַ פרעמדער רעליגיע״.

דעם 10־טן אָקטאָבער 1917 האָט דער סקאַנדינאַוויש־האָ־לענדישער קאָמיטעט אַרויסגעלאָזט זיין שלום־מאַניפעסט, וואָס באַזירט זיך אויף די פאָדערונגען פון אַלע פעלקער.

בנוגע דער יידן־פראַגע ווערט פאַרלאַנגט:

„אַן אינטערנאַציאָנאַלע לעזונג פון דעם יידישן פּראָבלעם. פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין יענע געגענטן פון רוסלאַנד, עסטרייך, רומעניען און פוילן, וווּ די יידן לעבן אין קאָמפּאַקטע מאַסן, און שוץ־מאַסנאַמען פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע".

און אין ביַיגעלייגטן, צום מאַניפעסט, מעמואַר ווערט נאָך אַ מאָל דערקלערט וועגן די יידישע פאָדערונגען:

„מיר אַנערקענען אויך דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער יידן־פראַגע און די נויטיקייט איינצושליסן זי אין דעם שלום־טראַקטאַט. מוועט דאַרפן אָנווייזן אין דעם טראַקטאַט יענע געגענטן, וווּ די יידן וווינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן און וווּ זיי וועלן געניסן פון דער נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער ־ אויטאָנאָמיע. די דאָזיקע געגענטן געהערן צו רוסלאַנד, עסטרייך, רומעניען און פוילן. די אַנטוויקלונג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַ־לעסטינע וועט דאַרפן געשיצט ווערן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן און יורידישן אופן".

נאָך שטאָקהאָלם.

אין פעברואַר 1918 איז אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אַנטאַנטע־לענדער, כדי אויסצואַרבעטן די שלום־באַדינגונגען. אַלע טעריטאָ־ריאַלע פראַגן זענען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן (עלזאַס־לאָטאַרינ־גען, באַלקאַנען, פוילן א. א. וו.). בנוגע די יידן איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע החלטה:

„די קאָנפערענץ פאָדערט פאַר די יידן די עלעמענטאַרע גלייכבאַרעכטיקונג אין זין פון פרייהייט, גלויבן, וווין־אָרט און האַנדל און די זעלבע פּאָליטישע רעכט וואָס דאַרפן אַנערקענט ווערן פאַר אַלע בירגער. אויסער דעם, האַלט די קאָנפערענץ, אַז פּאַלעסטינע דאַרף באַפרייט ווערן פון דער שווערער אונטערדרי־

קונג פון דער טערקישער רעגירונג און דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן, אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלער גאַראַנטיע, אין אַ פרייער מלוכה, וווּהין די יידן וועלן קענען אומקערן זיך, אויב זיי וועלן עס נאָר פאַרלאַנגען, און ווו זיי וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער ציוויליזאַציע, ניט זייענדיק באַאיינפלוסט פון פרעמדע ראַסעס און רעליגיעס".

אין יאָר 1919 זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ רייע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן איבער וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן און איבער דער פראַגע פון ווידעראויפבויען דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אין פעברואַר 1919 איז פאָרגעקומען די בערנער קאָנפערענץ. אויף וועלכער עס איז הויפּטזאַכלעך גערעדט געוואָרן וועגן די שולדיקע אין דער וועלט-מלחמה, וועגן פעלקער-בונד א. ד. גל. אין אַפּריל 1919 אין אַמסטערדאַם — איבער דעם שלום-אָפּמאַך און פעלקער-בונד.

אויף דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ איז אָנגענומען געוואָרן אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע וועגן דער יידן-פראַגע און א"י. צוגלייך מיט די פאָדערונגען פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, פרייהייט פון איינוואַנדערונג און איינזידלונג אין אַלע לענדער; נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע און אַ פאַרטרעטונג פון יידישן פאָלק אין פעלקער-בונד, אַנטהאַלט די דאָזיקע רעזאָלוציע אויך פאָלגענדן פונקט:

„אָנערקענונג פון רעכט פון יידישן פאָלק אויפצוריכטן זייער נאַציאָנאַלע היים אין א"י און די שאַפונג פון גינסטיקע דערצו באַדינגונגען אונטערן שוץ און קאָנטראָל פון פעלקער-בונד, וועלכער דאַרף אויך זען אָפּהיטן די באַרעכטיקטע אינטערעסן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג."

די קאָנפערענץ פון אויגוסט 1919 אין לוצערן איז אויך געווען געווידמעט דעם שלום-אָפּמאַך. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די מינדערהייט וואָס האָט שפּעטער געשאַפן דעם ווינער אינטערנאַציאָנאַל. דער צוזאַמענפאָר אין זשענעוו, אויגוסט 1920, האָט זיך באַשעפטיקט מיט די פראַגן פון „דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע" און פון מלחמה-פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

כמעט אין די אַלע קאָנפערענצן האָבן זיך באַטייליקט די־
דעלעגאַטן פון פועלי־ציון.

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ביסלעכווייז ווי־
דער אויפגעבויט, נאָר אַ טייל פּאַרטייען זענען פון אים אַרויס.
אין דעצעמבער 1920 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג פון
די אַרויסגעטרעטענע פּאַרטייען. די באַראַטונג האָט באַשלאָסן צו־
נויפצורופן אין פעברואַר 1921 אַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל זיין דער
גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פונם ווינער אינטערנאַציאָנאַל, ד. ה. פון
די פּאַרטייען, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן פונם צווייטן און ניט
אָנגעשלאָסן זיך אין דריטן (מאָסקווער) אינטערנאַציאָנאַל.

אין יאַנואַר 1921 האָט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויסגעאַר־
בעט דעם סדר־היום פון דער ווינער קאָנפערענץ און אירע אָר־
גאַניזאַציאָנס־פאָרמען. צו די איינגעלאַדענע פּאַרטייען געהערט
אויך דער וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון, מיט צוויי שטימען. אויף
אַזאַ אופן זענען די פועלי־ציון אַריינגעטרעטן אין דער ווינער
פאַרייניקונג.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז באַשלאָסן געוואָרן צו
פאַרייניקן דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל מיט דעם ווינער. אין
מאַי 1923 איז אין האַמבורג אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער פאַרייני־
קונגס־קאָנגרעס, אויף וועלכן דער פאַרבאַנד פועלי־ציון האָט זיך
באַטייליקט (אַלס אַ טייל פון דער ווינער פאַרייניקונג), מיט 7
דעלעגאַטן.

דער קאַמף פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־
ערשאַפט האָט זיך דערמיט אייגנטלעך פאַרענדיקט — מיט אַן
אָנטגילטיקן נצחון פון פועלי־ציון, אַדאַנק דער ענערגישער טעטי־
קייט פון וועלט־פאַרבאַנד (לעצטנס הויפּטזאַכלעך קאַפּלאַנסקי,
לאָקער).

עס איז געבליבן בלויז צו באַשטימען די אָרגאַניזאַציאָנע־
לע פאָרמען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי־ערשאַפט און נאָך לאַנגע
וכוחים איז אויך די דאָזיקע פראַגע געלעזט געוואָרן, אויף דער
זיצונג פון דער עקזעקוטיווע אין ווין, פעברואַר 1924, אויף וועל־
כער עס איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„1) ארץ־ישראל ווערט פאַרעכנט אין דער ליסטע פון נאַ־ציאָנאַליטעטן.

2) די איינציקע פאַרטיי פון א״י, וועלכע האָט ביזאהער דערקלערט וועגן איר אָנשלוס, איז דער פאַרבאַנד פועלי־ציון.

3) דער פאַרבאַנד פועלי־ציון האָט מיטגלידער אויך אין אַנדערע לענדער אויסער א״י און פאַרלאַנגט, אין הסכם מיטן אַרטיקל 10 פון די סטאַטוטן וועגן פראַקציעס און פאַרטייען, אַז די דאָזיקע מיטגלידער זאָלן צוגערעכנט ווערן צו דער א״י־דיקער פאַרטיי. דעריבער ווערן די מיטגלידער פון פאַרבאַנד, וועלכע גע־הערן נישט צו אַנדערע אָנגעשלאָסענע פאַרטייען, פון זייערע לענ־דער, צוגערעכנט ווערן צו א״י.

4) א״י באַקומט אויפן קאָנגרעס צוויי שטימען, וועלכע ווערן צוגעטיילט דעם פאַרבאַנד פועלי־ציון מיט דער באַוואָרע־ניש, אַז אַ נייע פאַרטיילונג וועט מוזן פאָרקומען אין פאַל ווען אַנדערע פאַרטייען פון א״י וועלן זיך אָנשליסן אין אינטערנאַ־ציאָנאַל״.

ענדלעך, אויפן מאַרסעלער קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל, אויגוסט 1925, האָט קריספּיען, באַריכטשטאַטער פון דער מאַנ־דאַט־קאָמיסיע, אָפּגעגעבן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרייניקונג פון פועלי־ציון מיט צ. ס. פּ., פאָלגנדע דערקלערונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן בייפאַל:

„מיר האָבן באַקומען אַן אָנשלוס־פאָדערונג מצד דער יידי־שער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „צעירי־ציון״, אין דער צווי־שנצייט האָט אָבער די קאָמיסיע מיט צופרידנקייט באַקומען די ידיעה וועגן דער פאַרייניקונג פון דער דאָזיקער פאַרטיי מיט דער אָרגאַניזאַציע פועלי־ציון. די קאָמיסיע זעט אין דער דאָזי־קער פאַרייניקונג פון צוויי אָרגאַניזאַציעס אַ פּראָגרעס, וועלכן מיר באַגריסן אויפן וואַרעמסטן אופן און שלאָגן עס פאָר אַלס ביישפּיל פאַר די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געפינען זיך אין איינעם און דעם זעלבן לאַנד אין אַנטאַגאָניסטישע באַציונגען״.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנ פערענץ פאַרן אַרבעטענדן א״י.

דעם 9־טן אויגוסט 1928

די גלייכבאַרעכטיקטע באַטייליקונג פון פוע״צ אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז געווען בלי־ספק אַ וויכטיקער ציל פאַר אונזער באַוועגונג, וואָס איז דער־גרייכט געוואָרן דורך לאַנגע אָנשטרענגונגען. נאָר דערמיט ענ־דיקט זיך נישט די אַרבעט פון פוע״צ. דער פרינציפ פון אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער סאָלידאַריטעט פאַרלאַנגט קאָנקרע־טיקע סימפּאַטיעס און אונטערשטיצונג. און די סימפּאַטיעס פאַר דעם ווערק פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין א״י זענען גע־וואַקסן פון טאָג צו טאָג אין די ראַמען פון סאָציאַליסטישן אינ־טערנאַציאָנאַל, סיי אַדאַנק דער פּראָפּאַגאַנדע, סיי צוליב דער באַגייסטערונג פון אַסאַך פירנדע סאָציאַליסטישע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געזען דעם החלוץ־אַרבעטער. גענוג צו דערמאָנען מאַקדאָנאַלד, וואַנדערוועלדע, דעם פירער פון דער קאָאָפּעראַטי־ווער באַוועגונג שאַרל זשיד און אַנדערע.

עס האָט זיך געהאַנדלט, פאַרן פאַרבאַנד פוע״צ, בלויז וועגן פאַרטיפן די שוין־עקזיסטירנדע סימפּאַטיעס און שאַפן נייע.

עס איז קלאָר פאַר אַלע, אַז אַזאַ פאַרטיפונג פון אַלע סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס פאַרן אַרבעטענדן א״י קען ברענגען אומגעהויער־גרויסע, סיי מאָראַלישע, סיי פּראַקטישע, נוצן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין זיין קאַמף און בוי פון אַ יידישן אַר־בעטער־ישוב אין א״י.

אין צוזאַמענהאַנג מיט וואַנדערוועלדעס באַזוך אין א״י, האָט דאָס פאַרבאַנדס-ביוראָ געהאַלטן פאַר נויטיק צונויפצורופן, קודם-כל, אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענץ וואָס זאָל אַליין באַטראַכטן אויף וועלכע אופנים די סאָציאַליסטישע וועלט קען מיטהעלפן דעם יידישן אַרבעטער. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אין בריסל בשעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן נישט געהאַט בדעה אַריינצוציען אין דער זאַך אָפיציעל דעם אינטערנאַציאָנאַל, וויסנדיק אַז עס זענען נאָך דערוויל פאַראַן קעגנער פון ציוניזם אין אינטערנאַציאָנאַל. אמת, די קעגנער זענען אַ קלייגע מינדערהייט, נאָר כדי אויסצומיידן קאָנפליקטן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאָנפערענץ ווערט צונויפגערופן אויף אַ פערזאָנאַלן אופן. די איינלאַדונג איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון וואַנדערוועלדע, הענדערסאָן, לעאָן בלום און בערנשטיין.

די קאָנפערענץ איז אָפגעהאַלטן געוואָרן דעם 9-טן אויגוסט 1928. כמעט אַלע איינגעלאַדענע זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ, אחוץ אייניקע וואָס זענען דרינגענד באַשעפטיקט געווען אין די קאָמיסיעס, וואָס האָבן אָבער געגעבן זייער שריפטלעכע אָדער מינדלעכע הסכמה צו באַטייליקן זיך אין קאָמיטעט.

צו די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ איז דעם 18-טן יוני 1928 פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן פון פאַריז פאָלגנדער איינלאַדונגס-בריוו:

חשובער חבר!

מיר האָבן דעם כבוד איינצולאַדן אייך צו אַ קאָנפערענץ, וואָס וועט אָפגעהאַלטן ווערן אין בריסל בשעת דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, און וואָס ווערט אָרגאַניזירט לויט דער איניציאַטיוו פון דעם יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד פועלי-ציון (פאַראייניקט מיט צ. ס. פ.).

די דאָזיקע קאָנפערענץ האָט דעם צוועק צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס זאָל שטיצן מאָראַליש און פאָליטיש דאָס אַרבעטענדע ארץ-ישראל.

אונז איז באַקאַנט אייער סימפּאַטיע צום דאָזיקן ווערק, און מיר צווייפלען נישט, אַז איר וועט זיך באַטייליקן אין קאָמיטעט.

אין פאַל ווען איר וועט נישט קענען זיין אין בריסל, צו דער באַשטימטער צייט, וועלן מיר זיך דערלויבן צושיקן אייך אַן אויספירלעכן דין־וחשבון וועגן דעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ. מיר פאַרהאָפן יעדנפאַלס, אַז איר וועט אָננעמען אונזער איינלאַדונג און אַז מיר וועלן קענען פאַרעכענען אייך אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט.

מיט סאָציאַליסטישע גרוסן

עמיל וואַנדערוועלדע, לעאָן בלום,

אַרטור הענדערסאָן, עדואַרד בערנשטיין.

אויף דער דאָזיקער איינלאַדונג האָבן זיך אָפּגערופן און געקומען צו דער קאָנפערענץ העכער 40 פירנדע סאָציאַליסטן, פאַרטרעטער פון ענגלאַנד (אַרטור הענדערסאָן, דער פאָרזיצער פון דער לייבור־פאַרטיי לענסיבורי, פרוי לאָרענס, סנעל), פון פראַנקרייך (לעאָן בלום, לאָנגע און רענאָדעל), פון בעלגיען, (וואַנדערוועלדע און דער געוועזענער סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַל קאַמיל היפּמאַנס), פון דייטשלאַנד (דער רייכסטאַג־פּרעזידענט לעבע, דער פירער פון דער אויסערן־פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי ברייטשייד, פריץ נפתלי, די פירערין פון דער פרויען־באַוועגונג מאַטילדע וורום, אָסקאַר כהן. בערנשטיין האָט צוליב זיין געזונט־צושטאַנד נישט געקענט קומען קיין בריסל), פון נאָרוועגיען (דער געוועזענער פירער פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן צערעטעלי), פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (דער גוינדער און טעאָרעטיקער פון דער פאַרטיי וויקטאָר טשערנאָוו און דער נעסטאָר פון דער פאַרטיי רוסאַנאָוו), פון איטאַליען (די באַרימטע פאַרטיי־פירער טוראַטי און מאָדיליאַני), פון האָלאַנד (דער געוועזענער סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל אודעגעסט). אויך פאַרטרעטער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (דיאַמאַנד און פרוי קלושינסקאַ) און פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (כענקין).

אַ רייע סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען נישט געווען אין בריסל אָדער וואָס האָבן זיך צופעליק נישט באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ, האָבן צוגעשיקט באַגריסונגס־בריוו. צווישן אַנדערע זענען דערהאַלטן געוואָרן בריוו: פון דעם באַוווּסטן מאַרקסיסטישן דענקער מאַקס אַדלער—

„...אַזוי ווי איך האָב, קעגן מיינע דערוואַרטונגען, נישט געקענט קומען קיין בריסל, האָב איך ממילא נישט געקענט אויך באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ לויט אייער איינלאַדונג. איך האָב אָבער אַ גרויסן אינטערעס פאַר אייער זאַך, און איך וועל אייך דעריבער זער דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט האָבן די געפעליקייט צו באַקענען מיך מיט דעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ...״

פון דעם פירער פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין דעם פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט ווענסענט־אָריאָל

„...איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָמיטעט, וואָס זאָל שטיצן מאָראַליש און פּאָליטיש דאָס ווערק פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אין א״י.

מיין נאָמען געהער אייך. באַנוצט אים לויט אייער איינזען.

איך וועל גליקלעך זיין צו האָבן אַ חלק אין דער אַזוי וויכטיקער, גערעכטער און האָפענונגספולער אַרבעט, וועלכע איר פירט דורך...״

פון דעם ענגלישן סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט קענוואָרטי —

„..איך באַדויער זער וואָס איך קען נישט קומען צו דער קאָנפערענץ צוליב די פיל פאַרפליכטונגען וואָס איך האָב גענומען אויף זיך. איך וואָלט זיכער געוואָלט באַקומען אַ באַריכט וועגן דעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ, און איך ווינטש אייך פיל הצלחה אין אייער אַרבעט...״

פון דעם שוועדישן סאָציאַליסטישן פירער קאַרל לינדהאַגן—

„...איך דאַנק אייך פאַר אייער ליבער איינלאַדונג. ליידער, האָב איך נישט געקענט קומען צו דער קאָנפערענץ. דערלויבט מיר אָבער אויסצודריקן מיין טיפע סימפּאַטיע צו אייערע באַמיונגען. עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ גרויסער פאַרגעניגן צו קענען באַטייליקן זיך אין אַוועלכער עס איז מאָס אין זייער רעאַליזירונג...״

ווייטערדיקע בריוו זענען דערהאַלטן געוואָרן פון דעם פירער פון דער דייטשער ס.ד.־פּאַרטיי אין טשעכאָסלאָוואַקיען ד"ר טשעך, פון דעם רעדאַקטאָר פון די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטן" יוסף בלאָך (בערלין), פּראָפ. טאָני (לאָנדאָן), פרוי אדעלאַיד פּאָפּ, פי־רערין פון דער סאָציאַליסטישער פרויען־באַוועגונג (ווין), קלערקאָפּ (האָלאַנד), אַנאַ לינדהאַגן (שטאָקהאָלם), דעפּ. מאָזעס (בערלין), גוסטאַוו מעלער (שטאָקהאָלם), דעפּ. פאַרבשטיין (ציריך) א. אַנד.

וואַרימע באַגריסונגס־דעפּעשן זענען דערהאַלטן געוואָרן פון אב. כהן (דעדאַקטאָר פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס"), פון א. שיפּ־ליאַקאָוו (פירער פון די „קעפּמייקער" און איינער פון די איינפלוס־רייכסטע פערזאָנען אין דער אַמעריקאַנער סאָצ. פּאַרטיי) אין נאָ־מען פונם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און פון שלאָסבערגן אין נאָמען פון „אַמאַלגעמייטעד".

ביים פּרעזידיום־טיש זענען געזעסן די איינבאַרופער פון דער קאָנפערענץ: וואַנדערוועלדע, אַרטור הענדערסאָן, לעאָן בלום און ברייטשייד.

די דערעפענונגס־רעדע האָט געהאַלטן וואַנדערוועלדע:

„אונזער הייניטיקע פאַרזאַמלונג האָט דעם הויפּט ־ ציל צו גרינדן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן אויסשליס־לעך פון מיטגלידער פון דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטער־נאַציאָנאַל און וואָס זאָל אונטערשטיצן די באַמיונגען פון אונ־זערע פריינט פּועלי־ציון.

מיינע פריינט האָבן מיך געבעטן איך זאָל דאָ לעזן אַ פאָר־טראַג וועגן דעם ציוניסטישן פּראָבלעם. איך האָב גראָד ערשט פאַרענדיקט מיין בוך די איינדרוקן פון מיין א"י ־ רייזע. איך וועל אייך דאָ פאָרלעזן דאָס קאַפּיטל, וווּ עס ווערן אַרומ־גערעדט אַ רייע אויספירונגען, וועלכע האָבן פאַר אונז אַן אינ־טערעס פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט.

איך בין געפאָרן קיין א"י מיט אַ גינסטיקן, פאַרן ציוניזם, פּאָראורטייל, צוגלייך אָבער פעסט אַנטשלאָסן גישט אָנצונעמען די נישט פאַרענדיקטע עקספּערימענטן פאַר אַ דערפאָלגרייכן סך־הכל און די צוקונפטס־הבטחות פאַר רעאַליטעט.

אגב, האָבן מיך געוואָרנט קעגן די מעגלעכע אילוזיעס די קריטיקער־קעגנער, וועלכע האָבן געפּרוווט באַרעכטיקן זייער פייַנטשאַפט שטיצנדיק זיך אויף פאַקטן.

האָט מען דען נישט גערעדט וועגן דעם, אַז דער ציוניזם האָט באַנקראָטירט אָדער האַלט ביי באַנקראָטירן, אַז די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס עקזיסטירן בלויז אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון חוץ־לאָרץ, אַז די יונגע אינדוסטריע איז פּאַראַליזירט, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט, די דאָזיקע „שאַנד־קראַנקהייט" פון קאַפּיטאַליזם פירט דעם א״י ישוב צו נויט און דעמאָראַליזאַציע, אַז טויזנטער רוינירטע און אַנטמוטיקטע מענטשן פאַרלאָזן יעדן חודש די אומדאַנקבאַרע ערד, וועלכע האָט זיי דערפירט צו אַ ביטערן יאוש!

וואָס האָב איך געטראָפן, ווען איך בין געקומען אויפן פּלאַץ?

דער ציוניזם האָט ערשט דורכגעלעבט אַ שווערע צייט, דער קריזיס ווערט שוין אָבער ליקווידירט.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערן נסיון בשעת דער מלחמה, מאַכן אַצינד אַ גרויסע אָנשטרענגונג, כדי צו ווערן עקאָנאָמיש זעלבשטענדיק, דערווייל האַלטן זיי אין וואַקסן, לויט דער צאָל און לויט דער באַפעלקערונג, די אינדוסטריע לעבט אויף, עס ווערן צוגעגרייט אומפאַנגסרייכע פּראָיעקטן, די אונטערשטיצונג פאַר אַרבעטסלאָזע איז שוין אָפּגעשאַפט געוואָרן. נאָך דער אויסוואַנדערונג פון 1926-1927 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין א״י פאַרקלענערט בסך־הכל מיט 3.000. דאָס יאָר וועט די איינוואַנדערונג אין אַ געוויסער מאָס איבערשטייגן די אויסוואַנדערונג. צום יאָר 1930 דערוואַרט מען אַ נייעם אימיגראַציע־שטראָם.

אָט אַזוי זעען אויס די פאַקטן, וועלכע מען קען לייכט פעסטשטעלן און קאָנטראָלירן.

וואָס איז שייך דער צוקונפט וויל איך קיין נביאות נישט זאָגן. איך קען אָבער נישט אויסמיידן קיין תשובה פאַר די יעניקע וואָס האַלטן, אַז דער ציוניזם האָט גאָר קיין צוקונפט נישט.

פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט איז קיין שום ספק נישט פאַראַן, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין א״י ברענגט מער נוצן ווי שאָדן דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

עס עקזיסטירט אָבער נישט בלויז אַן עקאָנאָמישער שטאַנד־פּונקט, יעדנפאַלס נישט בלויז די פראַגע פון דער באַמעגטאַנ״ר עקאָנאָמיק.

די גרויסע שוועריקייט אין דער איינשטעלונג פון באַציִונגען צווישן די איינוואַנדערער און די איינגעבוירענע באַשטייט אין דעם וואָס מען דאַרף געפינען די פאָרם פון צוזאַמענלעבן, אַ „מאָדוס וויווענדי״ צווישן אין גרונט פאַרשידענע ציוויליזאַציעס, וואָס געפינען זיך אויף אַלע שטופעס פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג: די בעדוא׳נער, וואָס האַלטן זיך נאָך ביי דעם לעבנס־שטייגער פון די תנ״ך־צייטן אין דער יעצטיקער תקופה פון אויטאָמאָבילן, אייזנבאַן און דראָטלאָזן טעלעגראַף; די אַראַבער וואָס האַלטן אין זייער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע נאָך ביים מיטלאַלטער, און צום סוף די ייִדן, ביי וועלכע די אגודה־לייט זענען נאָך מער מיטלאַלטערלעך ווי די אַראַבער זעלבסט, אין דער צייט ווען די ציוניסטן, די חלוצים זענען גענייגט צו באַטראַכטן דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַלס אַן אָפּגעשטאַנענעם.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען ווע׳ט די באַציִונג פון אומצווטרווי אומפאַרמייזלעך, און אַפילו די וואָס האָבן נישט קיין קעגנזעצלעכע אינטערעסן שטעלט זיך די פראַגע: וואָס וועט זיין מיט זייערע מנהגים, מיט זייער לעבנסשטייגער, מיט זייער רעליגיע, ווען עס וועט קומען אַ נייע עליה, ווען דער איינוואַנדערונגס־שטראָם וועט אַלץ וואַקסן?

דער דאָזיקער קאָנפליקט וואָלט זיכער פאַרשאַרפט געוואָרן ווען די יידישע באַפעלקערונג זאָל מיט דער הילף פון דער מאַנדאַטן־מאַכט אָנהויבן וואַקסן אין אַ שנעלן טעמפּאָ. נאָר אַזוי ווי עס האַלט נישט דערביי און ווייל די ציוניסטן באַמיען זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרבעסערן די באַציִונגען מיט די אַראַבער, קען מען דעריבער האָפן, אַז די לאַגע וועט זיך אין דער היינטיקער פאַרבעסערן.

וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן פון לאַנדווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג זענען פאַראַן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס האָט נישט קיין באַזונדערע נאַטור־רייכטימער און וואָס איז אויסגעשעפּט געוואָרן צוליב דער דורות־לאַנגער עלנט־

טער פאַרוואַלטונג און פאַרניכטנדער עקספּלואַטאַציע. צי קײן מען פאַרהאָפן, אַז דער טעכנישער פּראָגרעס וועט קאָמפּענסירן די דאָזיקע חסרונות און וועט מעגלעך מאַכן צו דערנערן אויף דעם דאָזיקן אומדאַנקבאַרן באָדן אַ מער צאָלרייכע און בפרט אַ יידישע באַפעלקערונג.

וועגן אַזעלכע זאַכן דאַרף מען אָנפרעגן, פאַרשטייט זיך, נישט ביי אַ דורכרייזנדן וואָס איז נישט קיין אַגראָנאָם און נישט קיין געשעפטס־מאַן. אין דער צייט אָבער ווען איך בין געווען אין א״י האָט די עקספּערטן־קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע גרופּירונגען, אויסגעאַרבעט איר באַריכט, וועלכער איז יעצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דער דאָזיקער דאָקומענט האָט אַ גרויסע באַדייטונג שוין צוליב די פּערזאָנען וואָס האָבן אים געחתמעט: לאָרד מעלטשעט, ד״ר פרענקעל, פעליקס וואַרבורג און אָסקאַר וואַסערמאַן.

דאָס זענען יידן, הייסע אָנהענגער פון דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער היים, זיי זענען אָבער צוגלייך אויך פינאַנסיסטן, ערשטקלאַסיקע אינדוסטריע־קאַפּיטאַנען, וועלכע זענען געוווינט צו באַטראַכטן די ווירקלעכקייט אַזוי ווי זי איז און נישט אַזוי ווי זיי וואָלטן זי געוואָלט זען, אָן שום נייגונג צו אוטאָפּיעס און פאַנטאַזיעס. און זיי זענען עס געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז נישט קוקנדיק אויף אייניקע פעלערן וואָס מען איז באַגאַנגען, זענען די דערגרייכטע רעזולטאַטן גאַנץ דערמוטיקנד פאַר דער צוקונפט, אַז אין א״י איז פאַראַן פּלאַץ פאַר 80,000 לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמעס און אַז אויך די אינדוסטריעלע אויסזיכטן פונם לאַנד זענען זער באַדייטנד.

פון דער אַנדערער זייט, ווערט איצט רעאַליזירט דורך דער מאַנדאַטן־מאַכט אַ הלואה פון 4.500.000 פונט, גאַראַנטירט פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס איז באַשטימט פאַר עפנטלעכע אַרבעטן. פאַר דעם אויפבוי פונם חיפה׳ער פּאָרט, פאַר געוויסע אַרבעטן אין דעם חיפה׳ער פּאָרט און פאַר דער אויסברייטערונג פון דער אייזנבאַנען־נעץ.

עס איז דעריבער פֿאָרויסצוזען גרויסע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון לאַנד נאָך אין משך פֿון דער גענסטער צוקונפֿט. די צווילינג־שטעט יפו—תל־אביב וועלן ווערן דער צענ־טער פֿון דעם פּלאַנטאַציעס־שטח, חיפה ווידער וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין דעם גרויסן פּאָרט פֿון לבנון.

אַן אַנדער פֿראַגע איז וועגן דעם גורל פֿון די ספּעציפֿיש־ציוניסטישע שטרעבונגען.

די עיקר־אויפֿגאַבע פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז פֿון תמיד אָן געווען צו דערמעגלעכן דעם צוריקקער צו דער ערד, צו פֿאַרגרעסערן דעם קאָלעקטיוון באָדן־פֿאַרמעגן פֿון דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד, אויסצומיידן אין די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָלאָניעס די לוין־אַרבעט און אונטערצושטיצן די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿט אין אַלע אירע פֿאָרמען.

וואָס איז שייך דער לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריע איז אָבער לאָרד מעלטשעט און זיינע קאָלעגן געקומען צו דיאַמע־טראַל־קעגנזעצלעכע אויספֿירונגען. צוערשט בנוגע דער לאַנדווירטשאַפֿט:

„די עקספּערטן האַלטן די שאַפֿונג פֿון נייע קאָלאָניעס פֿון דעם טיפּ „קבוצה” פֿאַר נישט געוווּנטשן. פֿונדעסטוועגן דאַרפֿן די עקזיסטירנדע קבוצות פֿאַרבלייבן, אָדער פֿאַרוואַנדלט ווערן אין לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שולן. די עקספּערטן זענען אָנהענגער פֿון אַ פּריוואַטן באָדן־אייגנטום. צוגלייך מיט דעם ערד־שטח וואָס געהערט דעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד און וואָס טאָר נישט אַנטאייגנט ווערן דאַרף די יידישע אַגענץ שאַפֿן אַ באָדן־פֿאָנד וואָס זאָל קענען פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּריוואַט־אייגנטום פֿון יידישע קאָלאָניסטן. די עקספּערטן זאָגן זיך אַרויס קעגן דעם סיסטעם, וואָס פֿאַרווערט די קאָלאָניסטן צו באַנוצן פֿרעמדע לוין־אַרבעט.

מוויל, הייסט עס, נישט ליקווידירן די קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, מאיז אויך מסכים נישט אָנצורירן דעם קאָלעקטיוון באָדן פֿון קרן־קימת, משלאָגט אָבער פֿאַר גאַנץ פֿאָרמעל דער יידישער אַגענץ צו שאַפֿן אַ נייעם באָדן־פֿאָנד פֿאַר פּריוואַטע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַלעבאַטים מיטן רעכט צו באַנוצן פֿרעמדע לוין־אַרבעט.

די אויספירונגען פון דער קאָמיסיע בנוגע דער אינדוסטריע זענען נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש. זיי זענען אַן אויסדרוק פון אַ מענטאַליטעט, וואָס אונטערשיידעט זיך אויף אַ גרינטלעכן אופן פון דער וואָס האָט געהערשט ביזאַהער אין די ציוניסטישע קרייזן:

„די עקספּערטן האָבן אַ פאַרשטענדניש פאַר די שטרעבונגען פון די אַרבעטער, וואָס ווילן פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע. זיי רעכענען אָבער, אַז דער אינדוסטריעלער פּראָגרעס איז מעגלעך נאָר דאַן, ווען דער אינוועסטירטער קאַפּיטאַל ברענגט אַ געוויסן מינימום־פּראָפיט און אַז די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פון די אַרבעטער קען פאַרבעסערט ווערן נאָר אַדאַנק דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער אָרגאַן וואָס זאָל אַנטשיידן די אינדוסטריעלע סכסוכים און אַזוי־אַרום אויסמיידן דעם גרויסן היזק, וואָס פאַרשאַפן די אָפטע קאָנפליקטן צווישן די אונטערנעמער און אַרבעטער. די קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוציר־און קאָנסום אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך באַזירן אויף געוועגלעכע געשעפטלעכע פּרינציפּן און נישט אויף דאָקטרינערע טעאָריעס”.

אויך דאָ זענען די עקספּערטן צו ליבעראַל, כדי זיי זאָלן זיך דערלויבן אַרויסצוווייזן אַ פיינטלעכע שטעלונג צו די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. עס איז אָבער איבעריק אונטערצושטרייכן די שטעלן ווו עס אַנטפּלעקט זיך בולט דער „בורזשואַזער” גייסט, מיט וועלכן די מחברים זענען דורכגעדרונגען.

למען האמת דאַרף איך באַמערקן, אַז אין אַנדערע הינזיכטן אַנטהאַלט דער באַריכט אויסגעצייכנטע מאָמענטן, בפרט ווען ער פאָדערט פון דער מאַנדאַטאָר־מאַכט אַ ברייטערע און מער ווירקזאַמע אינטערווענץ אויפן באָדן פון דערציונג, פון היגיענע און עפנטלעכע אַרבעטן, ווי אויך בנוגע „די מיטלען וואָס זאָלן פאַרזיכערן די יידן די מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך אויפן ארץ־ישראל־דיקן באָדן”.

עס איז צו דערוואַרטן, אַז די אויספירונגען בנוגע דער לאַנדווירטשאַפט און קאָאָפּעראַציע וועלן אַרויסרופן די שאַרפסטע אָפּאָזיציע מצד די פאַראינטערעסירטע קרייזן.

עס איז פּאַרויסצוזען, אַז אין אַ צענטליק יאָר אַרום, אויב עס וועט נישט געשען קיין קאַטאַסטראָפע, וועט דער יידי־שער ישוב אין א״י זיין גאַנץ פאַרשידן פון דעם ווי ער זעט היינט אויס. ער וועט אָן שום כפק ציילן מער אַרבעטער אין אַב־סאָלוטע ציפערן. די רעלאַטיווע באַדייטונג פון די איבעריקע סאָ־ציאַלע שיכטן וועט אָבער האַלטן אין וואַקסן, און דאַן וועט די ראַסן־קרובה־שאַפט שפּילן אַ קלענערע ראָל ווי די אינטערעסן־קעגנזאַצן.

פון סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט זענען דער קאָלאָניסט פון דגניה אָדער נהלל, דער חלוץ וואָס האַקט שטיינער אויף די שאָ־סעען אָדער אַרבעט ביי די פּלאַנטאַציעס פון פּתח־תקוה, דער בוי־אַרבעטער פון „סולל־בונה״ אָדער דער סעקרעטאַר פון אַ לאָקאַלער סעקציע פון דער הסתדרות, פיל אינטערעסאַנטערע פּער־זאָנען, ווי די אַמעריקאַנער באַנקירן אָדער ענגלישע געשעפטס־לייט.

ווען א״י זאָל, אַדאַנק די באַמיִונגען פון אָט די לייט, פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ פּשוטע קאָלאָניע, וואָלט עס נאָך אַלעמען געווען אַן אומבאַדייטנדער פאַקט אין דער אַלגעמיינער אַנטוויק־לונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. א״י דערוועקט אָבער אַ יידנשאַפטלעכן אינטערעס דווקא דערמיט, וואָס זי איז נישט קיין פּשוטע קאָלאָניע, נאָר אין קעגנזאַץ צו אַנדערע לענדער — אַ וווּנדערבאַר פעלד פאַר סאָציאַלע עקספּערימענטן, טיף דורכגע־דרונגען מיט אידעאַליזם.

די יידן ברויכן ווידעראויפבויען זייער היים, נישט כדי צו באַווייזן דער וועלט זייער געשיקטקייט אַלס געשעפטס־לייט, נאָר כדי טויזנטער פון זייערע ברידער זאָלן האָבן דעם הערא־ישן מוט איבערצוגיין צו אַ ניי לעבן, פיל מיט ריסק, סכנות, שווערע נסיונות און גרויסע קרבנות פאַר דעם אויפבוי פון אַ יידישער היים, וואָס זאָל זיין קודם־כל אַ גייסטיקע היים, אַ צענטער פון וועלכן דער יידישער געדאַנק זאָל אויפשטראַלן איבער דער גאַנ־צער וועלט. אָט דאָס איז דער עיקר, וואָס האָט אַ גרעסערע באַדייטונג ווי די אָרגאַנסירונג פון קאַפּיטאַלן פאַרן אויפבוי פון אַ פּאַרט אָדער פאַר פּלאַנטאַציעס.

וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאַמאָלס וועגן צוגלייך דערמיט קומען אַנדערע מענטשן, אויך יידן און אַפילו ציוניסטן, וועלכע וועגדן אַן אַנדערע מעטאָדן, נעשטיצט גיכער אויף פּרעמדער אַר־בעט ווי אויף פּערזענלעכע באַמיונגען. די דאָזיקע מעטאָדן מעגן געבן גוטן פּראָפיט און פאַרגרעסערן דעם יידישן ישוב אין לאַנד. זיי מעגן שאַפן גרויסע רייכטימער. דערמיט וועט ניעט פאַר־קלענערט ווערן דער קעגנזאַץ צווישן זיי און צווישן דעם געזעץ פון יושר וואָס די נביאים פון ישראל האָבן אָנגעצייכנט מיט פייערדיקע אותיות:

„כי הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה ולא תזכרנה הראשנות ולא תעלינה על לב...

לא יהיה משם עוד עול ימים וזקן אשר לא ימלא את ימיו כי הנער בן מאה שנה ימות והחוטא בן מאה שנה יקולל.

ובנו בתים וישבו ונטעו כרמים ואכלו פרים.

לא יבנו ואחר ישב, לא יטעו ואחר יאחל כי כימי העץ ימי עמי ומעשי ידיהם יבלו בחירי" (ישעיה ס"ה).

וויפיל מיליאָנען מענטשן האָבן אין משך פון צוואַנציק יאָר־הונדערטער מיט דורשט געשלונגען די דאָזיקע ווערטער און דער־וואַרעמט זיך ביי זייער פלאַם!

די ציוניסטן האָבן עס אויפגעלעבט. זיי האָבן אויפגעלעבט די שפּראַך פון זייערע אָבות, זיי קעמפן און ליידן פאַר יושר, זיי ווילן קודם־כל זיין פרייע מענטשן, באַפרייט פון יעדער קנעכט־שאַפט און עקספּלואַטאַציע. זאָלן זיי זיך האַלטן פעסט. זאָלן זיי ווייטער קעמפן מיט זייער וווּנדערבאַרער עקשנות קעגן דעם אַלע־מען וואָס איז מסוגל צו פאַרמינדערן זייער אידעאַל און ווערנדיק גרעסער, באַגייסטערטער און שטאַרקער דורך זייער קאַמף זעלבסט, וועלן זיי זוכה זיין צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זייער נביא'ס ווערטער:

„ושבתי את שבות עמי ישראל ובנו ערים נשמות וישבו ונטעו כרמים ושתו את יינם ועשו גנות ואכלו את פרים. ונטעתים על אדמתם ולא ינתשו עוד מעל אדמתם אשר נתתי להם אמר יהוה אלהיך".

דאָס איז אַ גענוגנדער גרונט, אַז קיין איין סאָציאַליסט זאָל זיי נישט אָפּזאָגן זיין סימפּאַטיע און זיין אונטערשטיצונג.

איך גלויב, אַז איך האָב אָנגעוויזן די סבות וואָס האָבן באַוויגן מיך פון מיין זייט צו געבן מיינע סימפּאַטיעס און מיין אונטערשטיצונג אונזערע פריינט פועלי־ציון. און אויב איר זענט היינט געקומען אין אַזאַ גרויסער צאָל צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג, מיין איך, אַז איר האָט עס געטון, כדי די דאָזיקע סימפּאַטיעס זאָלן באַקומען זייער סאַנקציע אין דער גרינדונג פונם קאָמיטעט, וועלכן עס דאַרף דאָ אַצינד פאַרהאַנדלט ווערן".

לאַנגדויערנע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט די דאָזיקע גייסטרייכע און איינדרוקספולע רעדע פון עמיל וואַנדערוועלדע.

דאָס וואָרט האָט דאַן באַקומען ח׳ קאַפּלאַנסקי, וועלכער האָט צוערשט געדאַנקט די פירער פונם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן אויף דער איינלאַדונג צו דער קאָנפערענץ. ער האָט דערמאָנט די פריערדיקע צייטן, ווען די פועלי־ציון פלעגן פאַרברענגען דעם אינטערנאַציאָנאַל בלויז די אָנקלאַגעס אויף די גזרות און רדיפות, פון וועלכע די יידישע מאַסן האָבן געליטן. „דאַמאָלט האָבן מיר אייך גערופן צו פּראָטעסטירן צוזאַמען מיט אונז קעגן אונזערע אונטערדריקער. היינט ברענגען מיר אייך די בשורה פון אונזער אויפבוי, פון אונזערע באַפרייונגס־קאַמפן און מיר רופן אייך מיטצוהעלפן אונז אויף אַ ברידערלעכן אופן אין אונזער אַרבעט, וועלכע האָט ערשט נישט לאַנג געשיינט צו זיין אַ טרוים, אַן אוטאָפּיע, וואָס איז אָבער אין די לעצטע יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן פאַקט". און דאָ האָט ח׳ קאַפּלאַנסקי געשילדערט אויפן סמך פון ציפערן די אויפטוען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין א״י. אירע שאַפונגען אין שטאָט און דאָרף, די אייגנשאַפטן און די ראָל פון דער הסתדרות אינם אויפבוי פון לאַנד. ער האָט אָנגעוויזן אויף די גרויסע מניעות, וועלכע דער ציוניזם דאַרף גובר זיין הן צוליב דער אָרעמקייט פון לאַנד, הן צוליב דער אומנאָרמאַלער סאָציאַלער סטרוקטור פון יידישן פאָלק. די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף אי מיט דער אַדמיניסטראַציע פון דער מאַנדאַטאָר־מאַכט, אי מיט דער שאָוויניסטישער אַראַבי־

שער בורזשואַזיע, אי מיט דער אייגענער יידישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט לעצטנס אָנגעהויבן אַן אָפּענסיווע קעגן די אוב־
טער־פּאָזיציעס אין לאַנד. ביי אַזאַ לאַגע איז באַזונדערס וויכטיק
די מאָראַלישע אונטערשטיצונג מצד דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָ־
ציאַליסטישער וועלט, וואָס באַווייזט, אַז די יידישע אַרבעטערשאפט
איז נישט פאַראיינזאַמט אין איר קאַמף. „אמת איז, מיר גייען
קיין א״י נישט כדי צו פאַרווירקלעכן עפּעס אַן אַלמענטשלעכע
מיסיע. מיר ווערן געטריבן דורך די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע
נויטן פון אונזער עקזיסטענץ, און אונזער קאַמף איז קודם־כל אַ
קאַמף פאַר זעלבסטבאַפרייונג. צוליב דעם אייגנאַרטיקן גורל פון
אונזער פאָלק, ווי אויך צוליב דער באַזונדערער לאַגע פון אונ־
זער לאַנד ווערן מיר אָבער פאַרוואַנדלט אין דעם סאָציאַליסטישן
אַוואַנגאַרד פון דעם „נאָענטן מזרח״. מיר האָבן געעפנט אַ פענ־
צטער קיין „מזרח״ פאַר די סאָציאַליסטישע אידעען און לעבנס־
פאָרמען פון מערב־אייראָפּע. דעריבער באַקומט אונזער אויפטו
נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג פאַר דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל.
און דעריבער זענען מיר אַזוי זיכער, אַז אונזער רוף נאָך ברי־
דערלעכער אונטערשטיצונג וועט דאָ געפינען דעם געהעריקן אָפּ־
קלאַנג״.

נאַכהער באַקומט דאָס וואָרט ח׳ יאַרבלום:

„דער רעפּעראַט פון וואַנדערוועלדע האָט קלאָר אויפגעוויזן,
ווי נויטיק און צייטמעסיג עס איז צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלן
סאָציאַליסטישן קאָמיטעט, וועלכער זאָל אונטערשטיצן די יידישע
אַרבעטערשאַפט, וואָס בויט אין א״י די יידישע היים, באַזירט אויף
די פּרינציפּן פון אַרבעט און פון אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, גע־
ריכטעט צום גרויסן ענד־ציל פון אַ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר
היים. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז דער טרעגער פון דעם
שענסטן און ערהאַבענסטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. פון
דעם געדאַנק פון פּראָדוקטיווער שאַפונג און פּראָלעטאַרישער
אחדות. אַלע זיינע באַמיונגען זענען געווענדעט דערצו, א״י זאָל
פאַרוואַנדלט ווערן נישט אין אַ קאָלאָניע פאַר קאַפּיטאַליסטישער
עקספּלואַטאַציע, נאָר אין אַן אַרבעטס־צענטער פאַר די גרויסע יידישע
מאַסן. דער דאָזיקער ציל איז אַ גענוגנדע באַרעכטיקונג פאַר דער מאָ־

ראַלישער און פּאָליטישער אונטערשטיצונג, וועלכע מיר פאַרלאַנגען דאָ היינט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער עפנטלעכקייט. אייער גרייטקייט מיטצוהעלפן אונז אין אונזער קאַמף וועט געפינען איר אויסדרוק אין דער רעזאָלוציע, וועלכע מיר שלאָגן אייך דאָ פאָר, און אין דעם אויסוואַל פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וועלכער וועט, לויט זיינע מעגלעכקייטן, פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג.

ח' יאַרבלום האָט דאַן פאָרגעלייגט פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„די קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטן פון פאַרשידענע לענדער, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט דעם 9-טן אויגוסט 1928 אין בריסל אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון דעם פּועלי-ציון-פאַרבאַנד און לויט דער איינלאַדונג פון די ח"ח בערנשטיין, בלום, הענדערסאָן און וואַנדערוועלדע, דערקלערט, אויסהערנדיק די רעדעס פון די ח"ח וואַנדערוועלדע, קאַפּלאַנסקי און יאַרבלום, אַז דאָס ווערק פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין א"י און אירע באַשטרעבונגען אויפצובויען דאָס נייע יידישע געמיינוועזן אין א"י אויף די יסודות פון אַרבעט און סאָציאַליסטישע לעבנספאָרמען, דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, פאַרדינען די אַקטיווע אונטערשטיצונג פון די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער.

די פאַרזאַמלונג באַשליסט:

1) עס ווערט געגרינדעט אַ „סאָציאַליסטישער קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדן א"י" מיטן צוועק צו אונטערשטיצן די אויפבוי-אַרבעט און דעם קאַמף פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין א"י.

2) דער קאָמיטעט וועט פירן זיין טעטיקייט אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן פאַרבאַנד פּועלי-ציון.

3) צום קאָמיטעט קענען געהערן בלויז מיטגלידער פון פּאַרטייען, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער-אינטערנאַציאָנאַל.

4) דער קאָמיטעט וועט שטענדיק אינפאָרמירן דעם אינטערנאַציאָנאַל און די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איבער זיין טעטיקייט און איבער דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין א"י.

5) אויף דורכצופירן די אַרבעט ווערט אויסגעוויילט אַ שטענדיק ביוראָ (פּרעזידיום)".

ווייטער האָט ח' יאַרבלום פאָרגעשלאָגן, אַז דער קאָמיטעט זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון אַלע אָנוועזנדע אויף דער פאַרזאַמלונג, ווי אויך פון די איינגעלאַדענע חברים, וועלכע האָבן אויסגעדריקט דערצו זייער הסכמה, דאָס ביוראָ פון קאָמיטעט זאָל באַשטיין פון פאָלגנדע פּערזאָנען: וואַנדערוועלדע, דע-ברוקער, היסטאַנס, וועדזשוואָוד, לענסביורי, בלום, רענאָדעל, לאָנגע, בערנשטיין, לעבע, ברייטשייד, טוראַטי, אודעגעסט, מעלער, צערעטעלי, טשערנאָוו, שיפּליאַקאָוו און אַלס סעקרעטאַר — פּיעראַר.

וואַנדערוועלדע:

„איר האָט אויסגעהערט די פאָרשלאָגן פון ח' יאַרבלום. מיר קענען זיי באַטראַכטן אַלס איינשטימיק אָנגענומענע. איך גלויב אַז די פאַרזאַמלונג וועט אויך איינשטימען אויסצוויילן דעם ח' יאַרבלום אין דעם סעקרעטאַריאַט פון קאָמיטעט. איך דאַנק אייך וואָס איר זענט געקומען אַזוי צאָלרייך אָפּרופנדיק זיך אויף אונזער אַפּעל, און איך האָף, אַז דער קאָמיטעט וועט אויספירן אַ ווירקזאַמע אַרבעט".

דערמיט איז די קאָנפערענץ געשלאָסן געוואָרן.

די בריסעלער קאָנפערענץ האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער יידישער עפנטלעכקייט — סיי צווישן די קעגנער, סיי צווישן די אָנהענגער פון ציוניזם.

און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז דידאָזיקע קאָנפערענץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ היסטאָריש געשעעניש אין דער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער-ציוניזם. זי עפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר דער אַריינדרינגונג פון אונזער אידעאַל אין דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט, וועמענס השפּעה אויף דעם גאַנג פון דער וועלט-פּאָליטיק וואַקסט פון טאָג-צו-טאָג אין אַלע לענדער.

עס זענען באַזייטיקט געוואָרן די מניעות, אויף וועלכע דער פּועלי-ציוניזם האָט זיך אין משך פון אַסאַך יאָרן אָנגעשטויסן

די קליינע קעגנערשאַפט וואָס איז נאָך ווייטער פאַרבליבן קען, אמת, דאָ אָדער דאָרט שאַפן אומאַנגענעמע סורפּריזן, זי איז אָבער לחלוטין נישט בכוח אָפּצושטעלן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונזער נצחון. די גרעסטע גייסטער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָבן דערפילט און פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון אונזער אידעאַל און זענען דורכגעדרונגען געוואָרן מיט וואַרעמער סימפּאַטיע צו אונזער זאַך, און אַנדערש האָט עס נישט געקענט זיין: דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל קען נישט באַגייסטערט ווערן פון אַ ווערק וואָס סימבאָליזירט אַמבעסטן און אַמבולטסטן דעם סאָציאַליזם אין טאַט, דעם סאָציאַליזם אין בוי, דעם סאָציאַליזם אין דער טאָגטעגלעכער טעטיקייט. דעם סאָציאַליזם וואָס האָט אויף אַן אינטימסטן אופן, מער ווי ווער עס איז ביז איצט, פאַרבונדן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונגס־שטרעבונגען פון דער אַרבעטערשאַפט.

די בריסעלער קאָנפערענץ האָט די דאָזיקע באַגייסטערונג און סימפּאַטיעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט מאַניפעסטירט און דערמיט געגעבן צו וויסן אַז אין איר העראָישן קאַמף איז די יידישע אַרבעטערשאַפט נישט אייננזאַם. די קעגנער פון אַרבעטער־ציוניזם, סיי פונם אַנטי־ציוניסטישן סאָציאַליסטישן, סיי פונם בירגערלעך־ציוניסטישן לאַגער — מוזן זיך מיט דער דאָזיקער מאַניפעסטאַציע רעכענען.

און איצט ווייטער צו דער אַרבעט! אונזער פּראָפּאַגאַנדע וואָס ווערט אַצינד געפירט ווערן אויך דורך דעם ניי־געשאַפענעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָמיטעט פאַרן אַרבעטענדן א"י דאַרף פאַרגעזעצט ווערן מיט דער זעלבער עקשנותדיקער ענערגיע ווי ביז איצט, און די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע אין די סאָציאַליסטישע רייען, צוזאַמען מיט דעם קאַמף און קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט פון דעם יידישן אַרבעטער אין א"י. וועט אינגאַנצן אָפּשאַפן די רעשטלעך קעגנערשאַפט וואָס זענען נאָך געבליבן אין אינטערנאַציאָנאַל. דער ביזאיצטיקער דערפאָלג איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז דער דאָזיקער מאָמענט פון לעצטן נצחון איז שוין נישט ווייט.